איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ב'- גליון מד'
פרשת כי תצא תשפ"א

י"ל ע"י
**לוי יצחק שנעק**
**בעל מחבר ספרי יש לחקור**
**מגי"ש בישיבת אמרי שפר**
להערות ולנדבות, ולכל עניני הגליון ולקבלת העלון בדוא"ל יכולן לפנות .
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com

## א נייע סגולה ויקרא שמו בישראל "אני לדודי"

"משה אפשר קענסטו מיר העלפן", פרעגט חיים, "אוודאי פארוואס נישט". נו, לאמיר הערן וואס דו ווילסט, וועל איך זען אויב איך קען דיר העלפן". דו ווייסט משה אז ס'איז געווען זייער א שווערע יאר, און ווי אלע סימנים ווייזן האלט מען שוין אט-אט פאר ביאת משיח, איך וויל זיך עפעס מקבל זיין און איך ווייס נישט וואס, אפשר קענסטו מיר העלפן? חיים...

**וואס??? עס פעלט זאכן וואס מ'זאל זיך מקבל זיין!!!**

ניין משה, אוודאי פעלט נישט וואס זיך צו מקבל זיין, מיין פראבלעם איז אז איך האב שוין אזויפיל מאל מקבל געווען זאכן, און עס האט זיך געהאלטן פאר זייער א קורצע צייט, איך וויל מקבל זיין עפעס א קבלה וואס דאס וועל איך קענען מקיים זיין אינגאנצן.

**איך האב פאר דיר די בעסטע קבלה!!!**

נו, לאמיר הערן וועלכע קבלה האסטו, לשון הרע... נישט רעדן ביים דאווענען... צינדן לעכט פאר צדיקים... ניין חיים, א קבלה וואס דו האסט נאכנישט געהערט אין דיין לעבן... נו, דו מאכסט מיר נייגעריג, זאג שוין וואס די קבלה איז...
איך וועל דיר זאגן

**זיי זיך מקבל אז "אני לדודי"**

ווווווווואס??? איך זאל מקבל זיין אז "אני לדודי"? וואס מיינסטו צו זאגן, איז דאס א נייע ארגאניזאציע... ניין חיים, איך וועל דיר מסביר זיין וואס איך מיין, אבער קודם וויל איך דיר דערציילן א מעשה שהיה, וואס איך האב געהערט פון הרה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א:

ס'איז געווען א ירושלימ'ער איד וואס האט געהאלטן פארן חתונה מאכן זיין טאכטער, און ער האט נישט געהאט קיין פרוטה פאר די חתונה. ער האט פראבירט צו שאפן אבער ס'איז נישט געגאנגען. זיין ווייב און זיין טאכטער האבן אים געמוטשעט אז די זמן החתונה ווערט נענטער און נענטער און מ'דארף איינקויפן פארן חתונה, אבער ס'איז נישט דא קיין געלט. ער האט פראבירט צו אפשטופן זיין ווייב און טאכטער אז עס וועט שוין זיין געלט, אבער דאס געלט איז נישט געקומען...

**מ'האלט שוין ערב שב"ק פון די באווארפן**

און ער האט נאכאלץ נישט קיין פרוטה. ביי אים אינדערהיים איז תשעה באב, זיין ווייב, זיין טאכטער - די כלה, און די ברידער'ס און שוועסטער'ס שטייען און וויינען אז ס'וועט זיין בושות, מ'דארף קומענדיגע וואך אפרעכטן די חתונה, און ס'איז נישט דא קיין פרוטה פאר די הוצאות החתונה. דער טאטע פון די כלה וואס האט שוין אלעס פראבירט, און ער האט נישט געזען א וועג אז ער זאל קענען באצאלן פאר די הוצאות החתונה האט מחליט געווען, אז..........

**ויסעו... מ'פארט...**

וואו פארט מען? צום כותל, ער גייט מתפלל זיין. ער טוט אן די בגדי שבת, און ער לאט זיך ארויס צום כותל... ער איז אנגעקומען צום כותל, און ער איז געגאנגען און א ווינקל... און די טרערן האבן נישט אויפגעהערט צו רינען, ער ווייסט אז קומענדיגע וואך דארף זיין טאכטער גיין אונטער די חופה, און ס'איז נישט דא קיין פרוטה, ווי גרויס וועט זיין די בושה פאר אים און זיין משפחה. ער האט שוין אלעס פראבירט און ער האט נאכאלץ נישט דאס געלט. האט ער געזאגט: רבונו של עולם, בדרך הטבע זע איך נישט קיין וועג צו האבן געלט פאר די הוצאות החתונה, אהיימגיין קען איך נישט, ווייל איך קען נישט צוזען די צער פון מיין ווייב און מיינע קינדער, איז ווילאנג איך האב נישט דאס געלט

**גיי איך נישט אהיים!!!!!!**

אזוי איז ער געשטאנען און געוויינט, און מתפלל געווען אז דער באשעפער זאל אים ארויסהעלפן, ווייל ער זעט נישט קיין וועג ארויס.

**פלוצלינג!!!!!!!!!!!!!!**

פילט ער א קלאפ אין פלייצע. ער גיבט זיך א דריי אויס, און ער זעט ווי אן אויסלענדישער איד שטייט אונטער אים, און ער גיבט אים א פרעג: ר' איד, דו ווייסט אז היינט איז ערב שב"ק... וואס טוסטו דא??? און פארוואס וויינסטו אזוי ביטערליך??? דער ירושלימ'ער איד האט אים דערציילט אז ער האלט פארן חתונה מאכן זיין טאכטער, און ער האט נישט קיין פרוטה, און ער קען נישט אהיימגיין, ווייל עס זעט נישט אויס ווי ערב א חתונה, ס'קוקט ענדערש אויס ווי ערב תשעה באב, און ער קען נישט צוקוקן די צער פון זיין משפחה...

**דער גביר איז געווארן זייער איבערגענומען**

און ער זאגט פאר דעם ירושלימ'ער איד: דארפסט נישט וויינען, איך גיי יעצט צוריק צו מיין האטעל, קום מיט מיר, און וועסט מאכן א חשבון וויפיל געלט דו דארפסט האבן, און איך וועל דיר עס געבן. און אזוי איז טאקע געווען, דער איד האט אים געגעבן א טשעק פאר די הוצאות פון די גאנצע חתונה מיט אלע זייטיגע הוצאות...

**ליהודים היתה אורה**

די משפחה איז געווען אין זיבעטן הימל, ס'איז געווארן אויס תשעה באב, און מ'האט זיך גענומען גרייטן אויפן חתונה ווי עס דארף צו זיין. פארשטייט זיך אז די חתונה איז געווען זייער פריילין.

**אחר הדברים האלה**

ס'גייט אדורך צוויי יאר, די צווייטע טאכטער קומט אויף די רייע, און מ'דארף זוכן א שידוך, זאגט דער טאטע פאר זיין ווייב, מ'קען נעמען דעם בעסטן בחור, געלט איז נישט קיין שום אפהאלט. כך הוה, ער האט גענומען דעם בעסטן בחור, און ער האט צוגעזאגט אלעס וואס מ'דארף, ווייל ער האט זיך בכלל נישט געזארגט, ווייל ער ווייסט דאך שוין וויאזוי ער וועט האבן דאס געלט.
די צייט רוקט זיך, עס קומט נענטער צום זמן החתונה, און זיין ווייב זאגט אים אז מ'דארף געלט פאר די הוצאות, זאגט ער איר: דו געדענקסט נאך פון די פריערדיגע מאל ווי איך האב געברענגט דאס גאנצע געלט ערב שב"ק פונעם באווארפן, נו, דאסמאל וועט אויך אזוי זיין.

**היום יום ערשב"ק!!!**

דער איד זאגט פאר זיין ווייב: איך גיי צום כותל, און באלד וועל איך זיין צוריק מיט דאס גאנצע געלט. ויסעו, ער פארט צום כותל, און ווי נאר ער קומט אן צום כותל, גיבט ער א קוק ארום, צו זען אויב ער זעט עפעס אן אויסלענדישער רייכער איד, און יא, ער באמערקט ווי אין א ווינקל שטייט איינער וואס זעט אויס ווי אן עושר. ער גייט צו צו יענע ווינקל, און ער הייבט אן צו זאגן תהלים מיט א ברען און א חיות, און ער קען קוים ווארטן צו שפירן די קלאפ אין פלייצע, אז יענער גייט אויסצאלן די גאנצע חתונה. אבער עס גייט אריבער א האלבע שעה, און ער שפירט גארנישט. האט ער אנגעהויבן זאגן תהלים מיט א שטערקערע ברען און מיט א געוויין, אזוי אז עס זאל מעורר זיין מענטשן אז ער דארף זייער וויכטיג האבן געלט, אבער........

**אין קול ואין עונה!!!!!!!!**

קיינער קלאפט אים נישט אויף די רוקן אז זיי זענען גרייט אויסצוצאלן די חתונה. ער פראבירט צו גיין נעבן א צווייטער אויסלענדישער איד וואס זעט אויס פארמעגליך, און ער פראבירט צו זאגן תהלים מיט מער השתפכות הנפש, אבער קיינער קומט זיך נישט אנטראגן אויסצוצאלן די חתונה.
ס'איז שוין שב"ק, און קיינער האט זיך נישט אנגעטראגן צו באצאלן די חתונה. ער איז געווען זייער צעבראכן, אהיימגיין האט ער נישט געקענט, איז ער געגאנגען צו זיין רבי, און זיך ביטערליך צעוויינט. און ער האט געפרעגט: רבי, פארוואס ביי די ערשטע חתונה האב איך געטראפן איינער וואס זאל עס אויסצאלן פון אנפאנג ביזן סוף, און ביי די חתונה האב איך נישט געטראפן? זאגט אים דער רבי, די חילוק איז זייער פשוט, די סיבה פארוואס פריערדיגע מאל האסטו באקומען וואס דו האסט געוואלט, ווייל פריערדיגע מאל ווען דו ביסט געגאנגען צום כותל, האסטו נישט געטראכט פון קיין שום מהלך צו קענען באצאלן אלע הוצאות, ממילא האסטו געדאווענט נאר צום באשעפער, איז אז מ'דאווענט צום באשעפער העלפט ער. דאסמאל, אבער, ווען דו ביסט געקומען האסטו נישט געדאווענט צום באשעפער נאר

הגליון נתנדב ע"י
תלמידי ישיבה גדולה אמרי חיים - מאנסי
לרגל השמחה בנשואי בתו של המגי"ש
**הרה"ג ר' בנימין ברוך פעסעל שליט"א**
ויה"ר שהזווג יעלה יפה ויזכה לראות דורות ישרים מבורכים

### דו האסט געדאווענט צום גביר!!!!!!

ממילא דארפסטו ווארטן אויפן גביר. דער באשעפער העלפט נאר אויב מ'דאווענט צו אים, אבער אויב מ'דאווענט צום גביר דעמאלס דארפסטו גיין רעדן צום גביר.

### זייער א שיינע מעשה, אבער???

ווי קומט עס אהער משה? זאגט אים משה זייער פשוט, איך זע אז דו זוכסט א קבלה, אוודאי האבן מיר אסאך זאכן וואס מיר קענען ווערן בעסער, אבער ס'איז דא א טריט פארדעם, וואס דאס הייסט "אני לדודי", איך טו מצוות פארן מלך מלכי המלכים. די סיבה פארוואס דיינע קבלות האבן זיך נישט געהאלטן, איז, ווייל דו האסט טאקע מקבל געווען צו טון גוטע זאכן, אבער אויב ס'פעלט אינעם "אני לדודי", אז איך טו עס נאר פאר איין-איינציגע סיבה, "לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו", נישט פאר יעקב אדער משה, אדער ווייל אזוי איז די מצב אין די מוסד וכדומה, דעמאלס פעלט אין די "דודי לי", און אויב עס פעלט אין די "דודי לי", פילט מען נישט די געשמאק און די זיסקייט, און ממילא אז מ'פילט נישט קיין געשמאק איז נאך אפאר טעג אדער אפאר וואכן פאלט מען צוריק און ס'האלט זיך נישט, ס'איז פונקט ווי דער וואס איז מתפלל צום עושר.

### מ'דארף דיר מסביר זיין אז אן אייזקרים איז גוט????

ניין, ווייל עס איז א מציאות. די תורה וואס דרכיה דרכי נועם, איז די זיסטע זאך אויף די וועלט, דאס איז א מציאות, איז ווי קען זיין אז מ'שפירט עס נישט? ס'איז דאך א קלארע פסוק "מתוקים מדבש ונופת צופים", זאל מען נישט שפירן א טעם פונקט ווי אין אייזקרים. אה משה, זאגט חיים, דאס איז נאר א משל, אז מ'דארף גלייבן אז אזוי וואלט ווען געדארפט צו זיין, אבער דאס איז נישט קיין מציאות, ס'איז תורות וואס מ'דארף גלייבן, ס'איז גוט פאר מגידים, פאר שלש סעודות, אבער דאס איז נישט אקטועל.

### חיים!!! גענוג מיט די איינרעדעניש

"די תורה און די מצוות זענען זיס", דאס איז א מציאות, אונזער תורה איז תורת חיים, תורה וואס איז לעבעדיג, ס'איז א מציאות, נו, וויאזוי קען זיין אז איך שפיר עס נישט? מוז זיין אז עפעס טו איך נישט גוט. נו, וואס טו איך נישט גוט? די תירוץ איז אז עס פעלט אינעם "אני לדודי", איך טו עס נישט פארן "לדודי", נאר פאר אסאך אנדערע סיבות, וועגן חברים... דער רבי פון די חסידות פארלאנגט עס... אבער אויב א מענטש טוט עפעס פארן מלך מלכי המלכים, דעמאלס איז עס "אני לדודי". מיין אני און מיין מציאות, איז פארן באשעפער, דעמאלס איז "דודי לי", שפירט מען א געשמאק מיט א ברען און א זיסקייט אין די תורה.

### חיים לאמיר רעדן אידיש

מיר גלייבן אז אלעס קומט פונעם באשעפער, וואס איז היינט די נסיון הדור? איך וועל נישט ווארטן אויף קיין תירוץ, אבער איין זאך איז קלאר, אז אונזער נסיון איז מיט זאכן וואס קיינער אויף די וועלט ווייסט נישט. מ'קען האבן א כלי אין טאש, און קיינער וועט נישט וויסן אז דו האסט עס. דער בחור קען גיין מיט די שמונה בגדים, און לערנען אין א גוטע ישיבה, און איבערגעבן קליפס-פיקטשערס וכדומה, וואס איינס ברענגט די צווייטע. די מציאות איז אז ס'דרייען זיך ארום טויזנטער בחורים, וואס עס ברענט א פייער פון נסיונות וואס קיינער ווייסט נישט, און ער וויל אז קיינער זאל נישט וויסן [ווייל ער מיינט אז עפעס איז נישט אין ארדענונג מיט אים...], און קיינער וועט דיר נישט געבן א קלאפ אויפן פלייצע און זאגן: "דו ביסט געוואלדיג, דו ביסט יוסף הצדיק פון דער דור, דו ביסט דער וואס די גמרא זאגט אין מסכת פסחים (קיג.) אז דער אויבערשטער רופט אויס מיט שמחה אז דו ביסט בייגעשטאנען די נסיון".

### אבער איך וויל דיר געבן די קלאפ אין פלייצע!!!

יא יא, דו בחור, מיט דיין נסיון פון "אני לדודי", וואס קיינער ווייסט נישט נאר דו און דער באשעפער, און אויב דו ביסט זיך מתגבר אויף דעם נסיון רופט דער באשעפער אליין אויס: "דער בחור איז בייגעשטאנען דעם נסיון". דו קענסט זיך פארשטעלן וואס דאס מיינט, וויפיל טוט א מענטש נאר פאר אביסל כבוד? און דו ביסט זוכה צו די גרעסטע כבוד, אז דער ממ"ה אליין רופט אויס אז ער איז בייגעשטאנען די נסיון?

### משה, דו ווילסט אז איך זאל ווערן א גרויסער בעל מדריגה???

גראדע וויל איך חיים, אבער נישט דאס מיין איך. אוודאי איז עס א גרויסע מדריגה, אבער דאס איז די מציאות, דער באשעפער האט אונז אריינגעלייגט אין א מצב פון נסיונות פון "אני לדודי", און א מצוה ווי מער עס איז לשמה אלץ העכער און חשוב'ער איז עס, ממילא איז "דודי לי", מ'שפירט די זיסקייט און די נאנטקייט צום באשעפער, און דאס איז אונזער עבודה בימי אלול, און נישט דווקא זוכן נייע קבלות.

### ס'איז בדוק ומנוסה!!!

די מציאות איז אז אונזערע עיקר נסיונות היינט זענען בין אדם למקום, זאכן וואס קיינער אויף די וועלט ווייסט נישט נאר דער באשעפער. לאמיר נישט רעדן ברמזים נאר "אין אידיש גערעדט", די אלע כלים וואס ס'קען ברענגען א מענטש אין שאול תחתית, איז א נסיון וואס קיינער אויף די וועלט ווייסט נישט אויסער דער באשעפער, ס'קען קומען א גוטער בחור, און דיר געבן קליפס וכדומה, און איינס ברענגט די צווייטע. מ'גייט ארום מיטן גאנצן חסיד'ישן לבוש, און מ'גיבט זיך איבער איינער פארן צווייטן זאכן וואס זענען סטעפ נאמבער איינס, אויף זייער שווערע נסיונות.

### ווען ווערט א טאפ גאר הייס?

דער צדיק קדוש וטהור, הרה"ק ר' לוי יצחק גרינוואלד זצוק"ל - דער צעהלים'ער רב, זיין עבודה איז געווען זייער באהאלטן, און ער פלעגט זייער אסאך קאכן מיט די יסוד, ער פלעגט זאגן: "אויב א מענטש וויל אז א טאפ זאל ווערן גאר הייס, וואס זאל ער טון? ער דארף זיכער מאכן אז עס איז גוט פארמאכט, און אזוי האלט זיך די היץ אינעווייניג, און ממילא ווערט עס גאר הייס, אבער אויב מ'האלט עס אינאיין אויפמאכן גייט די גאנצע היץ ארויס, און ממילא בלייבט גארנישט איבער.

### סוקסעס מעשה

א בחור דערציילט מיר אז ער האט א כשר'ע טעלעפאן,ליידער מיט טעקסט, און ער ווייזט מיר וועלכע טעקסט ער שיקט ארום [ס'האט מיר אינטערעסירט א לינקע פאה, ס'איז דאך אזעלכע שטותים], נו, האב איך אים געפרעגט, דו ווייסט וויפיל חברים זענען אויף די גרופ, און יעדעס מאל וואס דו שיקסט ארויס א טעקסט ביסטו מבטל בחורים פון לימוד התורה? זאגט ער מיר: "ביסט גערעכט, אבער ס'איז אזעלכע גוטע דזשאוקס..." האב איך אים געפרעגט: "ווער וועט וויסן אויב דו האסט א דזשאוק, און דו ווילסט עס שיקן, און דו האסט זיך געשטארקט און עס נישט געשיקט? קיינער נישט, אבער דער באשעפער וועט יא וויסן דערפון, און דאס וועט זיין א זאך וואס

### "אני לדודי" גראד פון דיר צום באשעפער

און דאס וועט דיר אויפוועקן און אנצינדן דיין נשמה מיט א געשמאק, אז דו וועסט אליין ווילן גיין העכער און העכער. כך הוה, פון נישט שיקן דזשאוקס סתם, האט ער אויפגעהערט קוקען אויף זיין טעקסט ווען ער לערנט, ביז ער האט אראפגענומען זיין טעקסט בכלל פון זיין פאון, און אזוי איז עס געגאנגען מחיל אל חיל, ביז מ'האט געזען אויף דעם בחור אז ער איז געווארן א פנים חדשות

### וואס האסטו געטון מיט מיין זון האט דער טאטע געוויינט!!!

פון שמחה. האב איך געזאגט פארן טאטן: ס'איז נישט מיר, ס'איז ער אליין, ער האט געטון "אני לדודי", ער האט עפעס געטון פארן מלך מלכי המלכים, האט ער באקומען די "דודי לי", די נאנטקייט צום באשעפער, אז ער אליין האט געוואלט גיין העכער און העכער.

### ס'איז נישט קיין סוד

די נסיון הדור איז אויף "אני לדודי". פונדרויסן קען מען אויסזען מיט די שמונה בגדים, אבער בין אדם למקום ברענט א פייער, נסיונות פון כלים מכלים שונים, וואס קיין איין מענטש אויף די וועלט וועט נישט וויסן וואס דו האסט געזען/געטון, קיינער ווייסט נישט די פייער פון נסיונות וואס ברענט ביי דיר, חוץ דער מלך מלכי המלכים, און אויב דו ביסט זיך מתגבר איז עס "אני לדודי", און דורכדעם וועט זיין "דודי לי", און דו וועסט באקומען גאר א גוטן און געשמאקן קשר מיטן רבונו של עולם, טעמו וראו כי טוב.

### לאמיר זיך מקבל זיין איין זאך

און דאס איז "אני לדודי", איך גיי טון זאכן וואס וועט זיין צווישן מיר און דודי. טייערע בחור, אז קיינער קוקט נישט אויף דיר דעמאלס ביסטו ביי די מדריגה פון "אני לדודי", וואס דאס איז די גרעסטע מדריגה וואס אלע ארבעטן אזוי שווער, און דו האלטסט שוין דארט. ווי די מעשה מיט דער איד וואס איז געווארן שיכור ווי לוט ערב יום הקדוש, ווייל ער האט געדארפט טרינקען אסאך וויין אז ער זאל באקומען געלט צו קענען ראטעווען א משפחה, און פון גרויס שכרות איז ער געשלאפן כמעט גאנץ יום כיפור, און ווען ער האט זיך אויפגעוועקט סוף טאג, און ער האט אנגעהויבן שרייען "אתה הראית לדעת", האט דער באדיטשובער רב געזאגט אז ער איז שוין אנגעקומען צו די "אתה הראית" פון שמחת תורה, וואס דאס איז די גאנצע תכלית פון די הייליגע טעג.

דו שוואכער בחור, וואס קיינער קוקט נישט אויף דיר, דו האלטסט שוין ביי די מדריגה פון "אני לדודי", דו דארפסט נאר טון און דו וועסט אנקומען, טאקע דו בחור וואס די פייער ברענט און פלאקערט, און קיינער ווייסט נישט פון דעם נאר דער ממ"ה.

און דאס איז חודש אלול

מ'גרייט זיך צו פאר ר"ה. די גרעסטע הכנה איז צו באקומען א קשר מיטן באשעפער, וואס דאס איז אז "אני לדודי", מיין אני, וואס דאס מיינט מיין מציאות גייט זיין "לדודי", ממילא וועט זיין "דודי לי", וועל איך קענען באמת ווערן א נייע מענטש.

**בקיצור למעשה.**

**די מציאות איז אז די היינטיגע נסיונות זענען בין אדם למקום, מיט אזעלכע זאכן וואס קיינער ווייסט נישט, נאר דו און דער באשעפער, מ'קען האבן א כשר'ע און א טריפה'נע טעלעפאן וכדומה. ממילא כדי מיר זאלן קענען ביישטיין אונזערע נסיונות קען עס נאר קומען אז מ'האט א געשמאק און א חשק ווען מ'טוט מצוות, און דאס ווענדט זיך אין די "אני לדודי", וואס דאס מיינט וויפיל איך טו פארן ממ"ה, אזוי סאך וועט זיין "דודי לי". און דאס איז די בעסטע קבלה, צו נעמען קליינע זאכן, און דאס זאל זיין נאר מיט די "אני לדודי", וואס קיינער אויף די וועלט ווייסט נישט אז דו ביסט זיך מתגבר, נאר דער באשעפער.**